# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון **11** | פרשת **ואתחנן - נחמו** תשע"ט


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# ברסלב איז נישט התחזקות!

ארויסגענומען פון: משיבת נפש, אות י"ח

וואָס איז דער עיקר נקודה פון 'ברסלב'? | וואָס איז דער ריכטיגע אָפטייטש פון 'התחזקות'? | וואָס באַוואָרנט דער נביא צווישן זיינע רייד פון נחמה?

עס קען זיך צומאל טרעפן ביי מאנכע מענטשן ווען זיי זעצן זיך אוועק לערנען דעם רבי'נס ספרים און זיי באגעגענען זיך מיט די אלע הייליגע דערקוויקנדע התחזקות-ווערטער פונעם רבי'ן, אז עס כאפט זיך אריין ביי זיי אזא וואָרעמ'ל אין מח וואס מאכט זיי פארדעכטיגן, אז אינאמת'ן איז די אלע התחזקות נישט מער ווי א מיטל אים צוצורעדן און בארואיגן. וויבאלד עס לייגט זיך אים נישט אויפן שכל וויאזוי דער אייבערשטער זאל פאקטיש זיין אינטערסירט אין אים - נאך די אלע הייסע הבטחות וואס ער האט שוין אלץ פארשפראכן און נישט איינגעהאלטן, און נאך וואס ער האט זיך אזוי דערווייטערט פון באשעפער. איי, נאר וואס דען זענען די אלע דברי חיזוק? ער מאכט זיך דעם חשבון, אז מסתמא איז רבי נחמן ברסלב'ער געווען א אוהב ישראל, ער האט נישט געקענט צוקוקן די צער פון אידישע קינדער, און ער האט נישט געוואלט עס זאל מארגן קומען איינער און אריבערטאנצן דעם צוים פונעם וואשינגטאן בריק און מאכן א סוף צו זיין מיואש'דיגע לעבן, און כדי דאס צו פארמיידן האט ער אפירגעטראפן א מורא'דיגע המצאה: מ'גייט מחזק זיין און שטארקן אידישע נשמות, מען גייט זיי זאגן אז 'דער אייבערשטער האט דיר ליב', 'זיי זיך נישט מייאש', 'אפילו אויב א מענטש האט עובר געווען טויזנט מאל אויף די תורה קען ער נאכאלץ תשובה טון', א.א.וו. - כדי זיי זאלן כאטש האבן אביסל מנוחה אויף דער וועלט, אבער אין פאקט איז דאס נישט מער ווי א בארואיגונגס מעטאד פון ר' נחמן ברסלב'ער.

אפילו אין די גארער וועלט ווייסט מען אז 'רבי נחמן ברסלב'ער איז יעדעם מחזק און מקרב...' אויב זעט מען איינעם וואס איז זייער אראפגעקלאפט און אוממוטיג, מען דארף אים געבן אביסל חיזוק אים אונטערצוהייבן, שיקט מען אים קיין ברסלב... 'ברסלב איז חיזוק' - לויטעט דער סלאגאן אין דער וועלט.

ווער עס איז אבער נאר עטוואס באהאוונט אינעם רבי'נס ספרים ווייסט צו זאגן, אז דעם רבי'נס ספרים מאנגלען ווייט נישט פון ווערטער וואס ענהאלטן אין זיך א געוואלד פון התעוררות און אוצרות אנגעפילט מיט יראת שמים, וואס ברענגען ארויס ווי ווייט מען דארף זיין אפגעהיטן פון יעדע מינדעסטע עבירה און משהו פגם. דעם רבי'נס ספרים זענען איבערגעפולט מיט דעם, ווי עס טוען זיך איבערצייגן די אלע וואס קוקן נאר עטוואס אביסעלע אריין דערינען.

אויב וועט איר מיר וועלן פאָרהאלטן, אז לויט ווי עס קומט אויס פון מיינע ווערטער אז ברסלב נישט קיין פלאץ פון התחזקות, דעמאלטס וואס איז יא ברסלב? הערט זיך איין: ברסלב איז נישט קיין פלאץ פון התעוררות און נישט קיין פלאץ פון התחזקות, 'ברסלב איז א פלאץ פון "אמת"'!

דער עיקר נקודה וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט אריינברענגען צווישן זיינע תלמידים און ווערט כסדר אומאויפהערליך דערמאנט אין רבי'נס און רבי נתן'ס ספרים, איז צו לעבן אין יעדע מצב מיט די 'אמת'! **"אט דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר"**, האט דער רבי אויסגערופן, **"איר זאלט נישט לאזן די וועלט זאל אייך נארן!"** (שי' הר"ן, נ"א). "ביי יעדע שווערע נסיון זאל זיך א מענטש שטענדיג ציען צום אמת און אריינטראכטן **'וואו איז אבער פארט דער אמת'!**" (שיש"ק ב', ר"ג).

אלזא, פונקט אזויווי ווען א מענטש לערנט אין די ספרים די אלע התעוררות ווערטער און מוסר רייד וואס ברענגען ארויס די אלע שווערע עונשים און יסורים וואס קומען ח"ו אויב מען טוט עבירות, ווייסט ער און ער גלייבט, אז די מוסר און התעוררות זענען נישט בלויז אויפגעבלאזענע מעשיות אים צו דערשרעקן, נאר דאס איז די ריינע אמת! דאס איז וואס פאסירט אויב מען גליטשט זיך אוועק פון די תורה ח"ו! די זעלבע זאך, ווען א מענטש לערנט די אלע פליסיגע שפרודלדיגע חיזוק רייד פון די אלע הייליגע ספרים, דארף ער גלייבן, אז דאס איז נישט עפעס קיין פסיכאלאגישע סטראטעגיעס אדער טאבלעטן אים צו בארואיגן, נאר דאס איז בלויז די טרוקענע מציאות, די ריינע 'אמת'!

געוויינליך... גענוי אזויווי ווען א מענטש האלט פאר א נסיון דארף ער זיך שטארקן מיט אלע כוחות ח"ו נישט דורכצופאלן, וויבאלד דער 'אמת' איז אז דער אייבערשטער וויל נישט אז א מענטש זאל זינדיגן, אקוראט אזוי, דארף א מענטש זיך קענען כסדר מחזק זיין און זיך אויפהייבן גלייך נאך סיי וועלכע ירידה, פשוט, ווייל

*המשך בעמוד ב'*

> **אפילו אין די גאָרער וועלט ווייסט מען אַז 'רבי נחמן ברסלב'ער איז יעדעם מחזק און מקרב'... 'ברסלב איז חיזוק' – לויטעט דער סלאָגאַן אין דער וועלט.**

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר***
*(דברים ג', כ"ג)*

**ואתחנן אל ה'** - תמיד. ואפילו כשאינו יכול להתפלל כראוי ובדביקות, כי **בעת ההוא** - היינו כי בעת שיזכה להתפלל בדביקות **לאמר** עד שהדברים יהיו מרוצים בפיך (בבחי': אם שגורה תפילתי בפי יודע אני שהוא מקובל (ברכות לד:)), אז יעלה למפרע כל התפילות שהתפלל עד עתה:

*(ליקו"מ סי' צ"ט)*

***ובקשתם משם את ה' אלקיך***
*(דברים ד', כ"ט)*

**ובקשתם משם**, היינו אפילו אם יפול ח"ו למקום שיפול, אל יתייאש לעולם, ויחפש **ויבקש** את השי"ת ויחזק עצמו בכל מקום שהוא בכל מה שיוכל **משם** דייקא, כי גם בשאול תחתית נמצא השי"ת, וגם שם יכולין לדבק עצמו אליו יתברך (וכמובא בשם מהבעש"ט כעין זה):

*(ליקו"מ סי' ו')*

### שבת נחמו

***כי נרצה עוונה*** *(בהפטורה, ישעי' מ', ב')*

עיקר התשובה והחרטה הוא הרצון (כמבואר בפנים). ועי"ז נתהפך הירידה לתכלית העליה, ומעוונות נעשין זכיות, ש**עוונה** נתהפך ל**נרצה** - היינו ל**רצון!** כי הרצון היא תכלית הקדושה!

*(ערב ה"ג, אות ז', י"ז)*

***"שבת נחמו"***

מה שקורין השבת אחר תשעה באב **שבת נחמו**. כי שבת קודש הוא כולו רצון (כמו שאנו אומרים: "באהבה וב'רצון' הנחלתנו"), כי על ידה אנו זוכים לכסוף ולהשתוקק תמיד להשי"ת יהיה איך שיהיה. וכל זמן שרוצים ברצון חזק את השי"ת, בוודאי יש תקוה, נמצא שעיקר ה**נחמה** הוא **שבת** קודש!

*(שם)*

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: **347.974.1220** | **לקבלת הגליון באימעיל:** Cn.Breslev@gmail.com

דאס איז דער 'אמת', אט דאס איז דער רצון-השם. אין אנדערע ווערטער: ווען די הייליגע ספרים זאגן אז 'א איד איז קיינמאל נישט פארפאלן', איז דאס נישט קיין 'חיזוק', נאר דער פאקטישע 'אמת'!

ווען מיר שטייען אצינד אין די טעג נאכ'ן קלאגן אויפן שרעקליכן חורבן און אויף דעם שווערע ביטערן גלות אין וואס מיר געפונען זיך שוין אזוי לאנג אין וואס כלל ישראל האט שוין דורכאויס די אלע יארן מיטגעמאכט אזויפיל שווערע גזירות און ברוטאלע אונטערדריקונגען און אט גייען מיר ליינען די טרייסט ווערטער פונעם נביא ישעיה אין די הפטורה **"טרייסט אייך מיין פאלק, טרייסט אייך - זאגט גאט"**, אין וואס דער נביא געבט אונז אריין א שטראל פון האפענונג אין די געדעכטע פינסטערניש אז עס וועט בקרוב קומען גוטע צייטן....

האט דער אייבערשטער אויך געוואוסט אז ביי געוויסע מענטשן וועט זיך קענען אריינ'גנב'נען אזא פרעמדע מחשבה'לע אין זייער מח, זעענדיג ווי די צרות און פיין נעמען נישט קיין עק, אז די אלע טרייסט ווערטער פון די נביאים זענען ח"ו נישט פונעם אייבערשטן, נאר דאס האבן זיי אונז אזוי געזאגט כדי אונז צו טרייסטן אז מיר זאלן נישט אריינפאלן אין יאוש, עס זעט אבער נישט אויס ווי עס זאל נאך אמאלווירקליך פאסירן אין די אמאליגע צוקונפט...

דעריבער האט דער אייבערשטער געהייסן דעם נביא זיך באוואָרנענען פון פאראויס מיט זיינע רייד און זאגן, אז לעתיד לבא ווען עס וועט זיין **"וְנִגְלָה כְּבוֹד ה'**, עס וועט אנטפלעקט ווערן די כבוד פונעם אייבערשטן, דעמאלטס **וְרָאוּ כָל בָּשָׂר יַחְדָּו** אלע וועלן צוזאמען זען **כִּי פִּי ה' דִּבֵּר"**. די ווארט **"דִּבֵּר"** איז א לשון 'עבר' (- א זאך וואס איז שוין געווען), עפעס וואס דער אייבערשטער האט שוין גערעדט א צייט צוריק. לכאורה אויף וועלכע געוועזענע רייד גייט דאס ארויף? ערקלערט דער מצודות דוד, אז דער נביא קומט זאגן אז לעתיד לבא דעמאלטס וועלן אלע זען און זיך זעלבסט איבערצייגן, אז די אלע טרייסט ווערטער און חיזוק רייד וואס די נביאים און די צדיקים האבן שוין נביאות געזאגט פון פאראויס דורכאויס די אלע שווערע גלות יארן, די אלע נחמות, און אונז כסדר מחזק געווען, איז נישט געווען זייערע זעלבסט פאבריצירטע נביאות און נחמות ח"ו, נאר **"כי פי ה' דיבר"**, דאס איז אלס געווען דער אייבערשטער וואס ער האט דאס אלס 'גערעדט', און דאן וועלן מיר איינזען **"שכל דברי נביאים 'אמת'"** - אז דאס איז אלס געווען די ריינע לויטערע אמת!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער איינציגסטער איבערלעבער

די ערשטע וועלט מלחמה איז אנגעאנגען אין פולסטן שוואונג ווען דאס מערהייט פונעם ערד-קוגל איז געווען פארווישט מיט בלוט און טויט. די איינוואוינער אינעם הייליגן לאנד, ארץ ישראל, האבן אויך פיל געליטן אין די יארן, דאס הונגער איבערן לאנד איז געווען הימל-שרייענד. פילע אנשטעקיגע מגיפות האבן געבוזשעוועט איבער די געסאלאך, אבער די גרעסטע בראך איז ווארשיינליך געווען דאס פארכאפן אומשולדיגע אידן פונעם ירושלים של מעלה אינעם מיליטער. איידעלע בחורים און דערהויבענע אינגעלייט וועלכע האבן גאנץ ווייניג פארשטאנען צו סיי וואספארא סארט געווער, זענען פלוצלינג פארוואנדלט געווארן אין סאלדאטן אויפן פראנט, ווען א גרויס טייל פון זיי האבן זיך נישט אומגעקערט לעבעדיגערהייט פונעם מלחמה פראנט. פילע קינדער זענען איבער-נאכט איבערגעקערט געווארן צו רחמנות'דיגע יתומים, און יונגע ווייבלעך זענען פארוואנדלט געווארן אין פארביטערטע עגונות.

דאס טערקישע מיליטער באזע איז אנגעאנגען מיטן פולסטן קראפט ביים עק פונעם שטאט 'באר שבע', איינעמענדיג די גאנצע געגנט אונטער שרעק און פחד. די טערקן האבן אין די לעצטע תקופה געליטן פון שווערע מפלות אויפן פראנט, און די איינציגסטע פלאץ ווי זיי האבן נאך געהאט די פולסטע מאס בעלות איז געווען אינערהאלב די מיליטערישע באזע. דארט האבן די טערקישע אויבערהארן זיך אויסגעגעבן זייער גאנצע כעס אויף די נעבעכדיגע סאלדאטן, און האבן זיי אונטערדריקט און גערודפ'ט אונטער שרעקליכע אומשטענדן.

אינעם מיליטערישן באזע, צווישן די נידריגע טערקן, דרייט זיך ארום א ירושלימ'ער אינגערמאן, א פייערדיגע דערהויבענער ברסלב'ער חסיד, מיטן נאמען רבי גדליה בערגער. ר' גדליה האט מצדיק געווען אויף זיך זיין שווערע שוקזאל און פרובירט מיט אלע כוחות בייצוקומען דעם שווערן מצב און זיך שטארקן מיט זיין פעלזן פעסטע אמונה אינעם רבונו של עולם.

ר' גדליה'ס מחשבות לויפן שנעלערהייט איבער א טיפע תורה אין ליקוטי מוהר"ן, ווען אין דער זעלבער צייט פאלט אים ביי, א געוואלדיגער חידוש לויט די רייד פון רבי אברהם ב"ר נחמן אין 'ביאור הליקוטים', מיט וועלכע ער ערלויבט זיך צו שטארקן אין זיין יעצטיגן מצב. פאר א סעקונדע דאכט זיך אים אז ער געפינט זיך יעצט אין 'ניסן'ס שול' (דאס בית הכנסת פון ר' ניסן בעק, "תפארת ישראל", ווי די ברסלבע חסידים האבן זיך איינקווארטירט אין אלט-שטאט ירושלים). זיין גוף געפינט זיך טאקע אונטערן הענט פונעם פיינט, אבער זיין אויסגעלייטערטע נפש האבן די טערקן נישט באוויזן אוועקצונעמען פון אים. זיין מויל מורמלט שטענדיג ווערטער פון תורה, תפילה און התבודדות.

אויף א וואונדערליכע אופן האט ר' גדליה באוויזן אריינצודריגנען זיינע תפילין אינעם באזע, מיט וועלכע ער באקרוינט זיך טעגליך. אבער פאר ר' גדליה ליגט אויפן הארץ א שווערן פעקל. נעמליך, צו דערגרייכן א כשר'ן מקוה. אינעם גאנצן אומגעגנט איז נישט פארהאן קיין איין בור מיט וואסער, און די באזע איז הערמאטיש ארומגענומען מיט מויער, אין יוצא ואין בא.

צוויי גאנצע חדשים זענען פאריבער, און ר' גדליה גייט אויס פאר א מקוה. אין איינס פון די טעג, שפאצירנדיג אינעם באזע, איז ער אויפגעשפרינגען מיט פרייד. ער האט עס אנדעקט. אן אוצר. ר' גדליה האט באמערקט א שפאלט אינעם מויער וועלכע האט ארומגענומען דעם לאגער, און גלייך האט אים אויפגעבליצט אין מח אז דאס איז זיין ישועה פאר א מקוה!

נישט טראכטנדיג קיין צוויי, האט ער זיך ארויסדערוואשט פונעם קליין לעכל, און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צו קענען טרעפן א מקוה. זיין הונגעריגע גוף שלענגלט זיך איבער די הייסע בערג אינעם מדבר, ער זוכט און זוכט. אויף דערווייל זעהט זיך אבער נישט אן קיין שום צייכן פון סיי וואספארא וואסער פארזאמלונג.

עטליכע שעה זענען פאריבער, ווען דורכאויס די גאנצע צייט בלאזט אין אים א גייסט אז אט אט וועט ער עס טרעפן. אבער נאך לאנגע שעות פון שווערע זוכענישן האט ער זיך געכאפט אז ער מוז זאפארט נייגן זיינע טריט צוריק אין ריכטונג פונעם באזע. די טערקן זענען ווילד אין די טעג, און איינער וועלכע פרובירט צו אנטלויפן באקומט תיכף א קויל אין קאפ, אן קיין געריכט פראצעדור.

דערווייל איז אפגעראכטן געווארן א ציילונג אינעם באזע, און אין געציילטע מינוטן איז אנטדעקט געווארן אז 'גדליה בערגער' פעהלט. פאר די העכערע אפיצירן איז נישט פארבליבן מער ווי צו אויסווארטן אויפן אומקער פון ר' גדליה און אויספירן דעם פסק דין...

אינעם זעלבן צייט איז אבער פארגעקומען אויבן אין הימל געגנצליך אנדערע חשבונות. אין די צייט וואס ר' גדליה האט נאך געהאט א שיין שטיקל וועג ביזן לאגער, האבן זיך דערנענטערט רייעס מיליטערישע פליגערס פונעם בריטישן ארמיי צו זייער דעסטינאציע: די טערקישע באזע נעבן באר שבע. די פליגער האבן זיך טיילווייז אראפגעלאזט נידריגער צום ערד פלאך, ארויסגעלאזט עטליכע מאכטפולע באמבעס פלאך מאכנדיג דעם שטח, און פארשווינדן געווארן פון האריזאנט, ווען אונטער זיי שלענגלען זיך שווערע וואלקענעס פון אש און רויעך, ארויפברענגענדיג די גאנצע באזע אין העלישע פלאמען.

ר' גדליה איז שוין געווען אזוי ווייט אוועק פונעם לאגער, ניטאמאל האט ער געהערט די גערודער פון די אויפרייסן. מיט שנעלע טריט לויפט ער צוריק, מורא האבנדיג וואס זיין אורטייל וועט זיין, און האפנדיג פאר א אפענע נס זאל פאסירן און קיינער זאל נישט האבן באמערקט אין זיין אפוועזענהייט. אבער... נאך עטליכע מינוט האט ער אנטדעקט אז זיין אפוועזענהייט איז טאקע באמערקט געווארן, אבער זיין אומקער נישט... אלע אינעם באזע זענען געליגן טויט אן קיין לעבנס צייכן.

צו זיין אויסטערלישע פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ. נישט נאר איז זיין לעבן געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט, נאר פון די מינוט און ווייטער איז ער באפרייט פון מיליטער.

דאס מסירות נפש פון ר' גדליה האט אים געראטעוועט. עס האט זיך באשיינפערליך ארויסגעצייכנט די הבטחה פונעם רבי'ן (חיי מוהר"ן תעה): אז **"מקוה מסוגל להנצל מרוצחים"**.


ואלה יעמדו על הברכה

מוה"ר שלמה בנימין זילביגער הי"ו
מאנסי
שתרם להפצת הגליון
לרגל הולדת הבן
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מעומק לבבינו אנו משלחים בזה את ברכתינו ברכת מזל טוב לחברינו
החתן היקר חיים צבי האס נ"י
מאנסי
לרגל נישואיו
המברכים: חבריו וידידיו

מעומק לבבינו אנו משלחים בזה את ברכתינו ברכת מזל טוב לחברינו
החתן היקר יעקב צבי אלי' אפעלדארפער נ"י
בארא פארק
לרגל נישואיו
המברכים: חבריו וידידיו

לע"נ מוהר"ר דוב ב"ר יקותיאל יהודה ז"ל
נלבע ט"ז מנחם אב
ת.נ.צ.ב.ה.
נדבת בניו הח' משפחת פיש

לע"נ הילדה פעשא רחל לאה בת יבלחט"א מוהר"ר רפאל צבי אלימלך הי"ו
נלבע י"ג מנחם אב
ת.נ.צ.ב.ה.

בקשה מיוחדת!
אין די זוממער וואכן ווען די גליון ווערט נישט געהעריג פארשפרייט, זייט אויך מהנה אנדערע און דרוקט ארויס דעם גליון פאר אייער חבר/שוהל/קאנטרי צו מזכה זיין את הרבים!